בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

גליון ע'

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת מטות מסעי
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא, שְׁנַת תשפ"ג

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### קוּקְט זִיךְ אוּם אוֹיף דִי קִינְדֶער

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן פוּן דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה לֶערֶערִינְס, אַזוֹי ווִי אִיר זֶענְט דָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ לֶערֶערִינְס פַאר אֵיין כִּתָּה. מֶען לֶערְנְט: סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, פַּרְשָׁה אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, טַייטְשׁ, הֲלָכוֹת, נֵייעֶן, נָבִיא, קָאכְן אוּן בַּאקְן, עֶנְגְלִישׁ, עֶקְסֶערְסֵייז, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן אִידִישֶׁע נִיגוּנִים, אוּן סֵפֶר הַמִידוֹת, - זָאל מֶען נִישְׁט פִילְן 'אִיךְ קוּם אַרַיין לֶערְנֶען מַיין פְּרִיוַואטֶע לִימוּד אוּן אִיךְ גֵיי צוּרִיק אַרוֹיס', נָאר וֶוען מֶען אִיז אִין דִי בִּנְיָן פוּן שׁוּלֶע, זָאל מֶען זִיךְ אַרוּמְקוּקְן אוּן אוֹיפְכַּאפְּן זַאכְן, קוּקְט אוֹיבּ אַ מֵיידְל וֶוערְט צוּטְרֶעטְן, צִי מֶען בּוּלִיעֶט [פַּיינִיגְט] אַ מֵיידְל, צִי מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ אוֹיף אֵיינֶעם, לֵייגְט צוּ אַן אוֹיעֶר אוֹיבּ נִישְׁט אֵיידֶעלֶע ווערְטֶער כַאפְּן זִיךְ אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ מֶען קֶען עֶס אַלֵיינְס קֶעיר נֶעמֶען, אִיז גוּט, אוֹיבּ נִישְׁט - זָאל מֶען עֶס אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דִי אָפִיס.

### אַ מוֹסָד מִיט הַארְץ

טַייעֶרֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס אִיךְ ווִיל עֶנְק זֵייעֶר בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרוֹיס הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר מוֹרָא אַז עֶס גֵייט וֶוערְן סִיסְטֶעמַאטִישׁ, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק עֶס זָאל בְּלַייבְּן ווִי אַ מִשְׁפָּחָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא תַּקָנוֹת מִיט רוּל'ס - זָאל עֶס בְּלַייבְּן אַ הַארְצִיגֶע פְּלַאץ, מֶען זָאל זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער מִיט הַארְץ.

### דָאס ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג

אִיךְ ווִיל אָבֶּער קְלָאר שְׁטֶעלְן, וֶוען אִיךְ רֶעד פוּן זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט הַארְץ צוּ דִי קִינְדֶער רֶעד אִיךְ נִישְׁט פוּן 'רֶעדְן אִינְמִיטְן כִּתָּה', אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם אוֹיסְנַאם אוּן קֵיין שׁוּם בַּארֶעכְטִיגוּנְג, אֲפִילוּ דוּ זָאלְסְט קוּמֶען פוּן אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּבּ אָדֶער אַ צֶעטֵיילְטֶע שְׁטוּבּ, בִּיסְטוּ נָאכְאַלְץ נִישְׁט בַּארֶעכְטִיגְט צוּ רֶעדְן וֶוען דַיין מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין רֶעדְט. עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ פוּן רֶעדְן וֶוען אַ מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין רֶעדְט! דֶרֶךְ אֶרֶץ מוּז מֶען הָאבְּן.

אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אוֹיס קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַ קִינְד דַארְף ווִיסְן: יֶעצְט קֶען אִיךְ נִישְׁט רֶעדְן, וַוייל מַיין טַאטֶע, מַאמֶע, מְלַמֵד, לֶערֶערִין רֶעדְט, אוּן יֶעצְט דַארְף אִיךְ זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן, וַוייל מַיין טַאטֶע, מַאמֶע, מְלַמֵד, לֶערֶערִין אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען.

נָאר קִינְדֶער וָואס מֶען לֶערְנְט זֵיי דֶרֶךְ אֶרֶץ הָאבְּן אַ שַׁאנְס אוֹיסְצוּוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוֹיבּ אַ קִינְד וַואקְסְט אוֹיף מִיט חוּצְפָּה אַז 'קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן', וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דִי מַאמֶע זָאגְט אָן דִי לֶערֶערִין: **"דוּ וֶועסְט נִישְׁט זָאגְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן"**, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט יָא עֶפֶּעס גֶעזָאגְט פַאר אִיר קִינְד, וֶוערְט זִי גֶערֶעגְט אוּן הַאלְט פַאר דִי לֶערֶערִין: **"דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט פַאר מַיין קִינְד?!"** - דִי קִינְדֶער הָאבְּן נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קֵיין שַׁאנְס אוֹיסְצוּוַואקְסְן עֶרְלִיךְ.

דָא אִין שְׁטֶעטְל בַּאקוּמֶען מִיר פוּן דִי רֶעגִירוּנְג שְׁטָאטִישֶׁע בָּאסֶעס וָואס נֶעמֶען אוֹיף דִי קִינְדֶער צוּ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע אִיז כְּדֵי מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּאקוּמֶען דִי סֶערְווִיס הָאבְּן דִי מְלַמְדִים גֶעדַארְפְט גֵיין צוּ אַ קְלַאס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן פַאר דִי וָואס בַּאגְלֵייטְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן בָּאס, הָאבְּן זֵיי דָארְט גֶעזָאגְט: אוֹיבּ אַ קִינְד שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוֹיפְ'ן זִיץ, אוּן דֶער דְרַייוֶוער אָדֶער דֶער בָּאס טִיטְשֶׁער הָאט גֶעזָאגְט: **"דוּ מוּזְט זִיךְ אַרָאפּ זֶעצְן"**, אוּן אַ קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט, דַארְף מֶען פַארְשְׁרַייבְּן אַז דֶער קִינְד הָאט יֶענֶע עֶ בִּי סִי... אוּן אוֹיבּ אַ קִינְד רַייסְט אָן דִי בֵּיינֶער אָדֶער צֶעבְּרֶעכְט אַ הַאנְט פוּן דִי בָּאס טִיטְשֶׁער, זָאל מֶען אוֹיךְ גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר ווִיסְן אַז דָאס קִינְד הָאט אַן אַנְדֶערֶע עֶ בִּי סִי... אוּן מֶען זָאל גֵיין מִיטְ'ן קִינְד צוּם דָאקְטֶער.

אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ קִינְד זָאל אָנְרַייסְן אַ טִיטְשֶׁער אוֹיפְ'ן בָּאס, בַּיי אוּנְז לֶערְנְט מֶען אוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

### זַיין שְׁטַארְק, זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן

אַ מְלַמֵד הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז קִינְדֶער זוּכְן אַטֶענְשָׁאן אוּן זֵיי שְׁרֵייעֶן אַרַיין וֶוען אִיךְ רֶעד?"**

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן עֶס מוּז זַיין רֶעסְפֶּעקְט! אוֹיבּ אַ קִינְד רֶעדְט אוּן לַאכְט אַרוּם וֶוען דֶער מְלַמֵד רֶעדְט, דַארְף מֶען אִים זָאגְן: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט"**, אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז עֶר לַאכְט וַוייטֶער, זָאגְט מֶען אִים נָאכְאַמָאל, אוֹיבּ עֶס הֶעלְפְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט, זָאגְט מֶען הוֹיךְ צוּ זִיךְ אַלֵיינְס: **"אִיךְ זֶע שׁוֹין אַז אִיךְ וֶועל דָאס מוּזְן אַרָאפְּשְׁרַייבְּן"**, וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן מִיט דֶעם צֶעטְל, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט... אַמָאל פֶעלְט יָא אוֹיס מֶען זָאל דָאס אִיבֶּער גֶעבְּן פַארְ'ן מְנַהֵל, עֶר זָאל אַוֶועקְשְׁטֶעלְן סֵדֶר אִין כִּתָּה אַז דֶער מְלַמֵד זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּם וָוארְט.

אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן פִּינְקְטְלִיךְ וָואס אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעטוּן אִין אַזַא פַאל, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ זָאגְן וָואס אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעטוּן, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט טוּן וָואס דוּ קֶענְסְט, אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אִיךְ קֶען. אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, וֶוען אַ לֶערֶערִין פְרֶעגְט עֶפֶּעס פוּן אַ קִינְד אוּן זִי הֵייבְּט אָן צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן, בְּלַייבְּט מֶען שְׁטִיל, אוּן מֶען פְרֶעגְט נָאכְאַמָאל אִיבֶּער: **"אִיךְ הָאבּ דִיךְ עֶפֶּעס גֶעפְרֶעגְט, עֶנְטְפֶער עֶרְוַואקְסְן, עֶנְטְפֶער מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ"**. עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי שְׁרֵייעֶן

אינמיטן כּתּה, עס מוז זיין דרך ארץ.

### א מלמד איז נישט קיין חבר צו די קינדער

א מלמד און א לערערין איז נישט קיין חבר צו די קינדער. קומט נישט אין חדר און אין שולע זוכן חברים, זוכט ענק חברים אינדרויסן, האט נישט מורא אז די גאנצע כּתּה וועט זאגן דו ביסט נישט קיין גוטער מלמד און א גוטע לערערין, נישט דאס זאל דיך מאכן צופרידן אז די קינדער האלטן פון דיך, דו זאלסט וויסן ביי דיר: 'איך ווייס אז איך טו ריכטיג, איך בין מחנך אויף די ריכטיגע וועג'.

### דער ריכטיגער וועג אנהייב יאר

אנהייב יאר דארף מען זיין זייער שטרענג, אנהייב יאר שמייכלט מען נאכנישט צו די קינדער, מען דארף זען אז די קינדער זאלן זיך אויסלערנען אז מען דארף האבן דרך ארץ פאר דער מלמד און לערערין, נאך אפּאר וואכן ווען מען זעט אז עס איז שוין דא א גוטע דיסציפּלין קען מען שוין געבן א שמייכל צו א קינד.

ביי די עלטסטע כּתּה אין שולע איז עס אביסל שווערער, ווייל מען בלייבט מיט די זעלבע קינדער נאך א יאר, און עס איז דאך דא א גרויסע חילוק צווישן אנהייב יאר און סוף יאר, סוף יאר ווערט שוין אביסל צעפּארן דער מצב, פון דעסט וועגן דארף מען אנהייב יאר זיך מאכן כּאילו מען קען נישט קיינעם, מען האט אפילו פארגעסן יעדנס נאמען... מען דארף זיין זייער זייער פּארמאל (אויסערליך). נישט אז איך האב ליב פּארמאל, נאר כּדי מען זאל האבן הצלחה מוזן די קינדער זיך נאכאמאל דערמאנען אז איך בין נישט דיין חבר און מען מוז האבן דרך ארץ.

ווען עס גייט אריבער אפּאר וואכן, לאמיר זאגן פּרשת תּולדות, פיר וואכן אריין אינעם נייעם זמן, און מען זעט אז די דיסציפּלין איז שוין מער ווייניגער פיין, קען מען שוין צוריק אנהייבן שמייכלען צו די קינדער, און מען קען שוין שמועסן מיט זיי.

אזוי ווי מען טוט מיט א גיטאר, אז מען האט א שיינע טייערע גיטאר און די שטריק ווערן לויז דארף מען עס נאכאמאל באפעסטיגן, מען דארף עס צוריקלייגן אין פּלאץ, און ווען עס גייט אריבער נאך א שטיקל צייט און די שטריק ווערט נאכאמאל לויז דארף מען עס נאכאמאל באפעסטיגן, דאס דארף מען טון אין א כּתּה, אנהייב יאר מוז מען אנהייבן זייער פּארמאל, נאכדעם קען אביסל נאכלאזן, אבער ווען עס ווערט צוריק זייער לויז, דארף מען עס נאכאמאל באפעסטיגן.

מלמדים זאגן אז זיי עקלען זיך פון די פּאלשקייט פון זיין פּארמאל און נישט נאטורליכקייט, - מען מוז דאס אבער טון, ווייל באלד וועסטו זען אז דו ביסט שוין טאקע גענוג פארשטענדיג אז מען דארף נישט זיין פּארמאל, אבער די קינדער פארשטייען עס נישט אן דעם, באלד וועלן קינדער אריין שרייען ווען דו האלטסט אינמיטן רעדן, דו וועסט דארפן פּליקן מיט די פינגער מען זאל אויפהערן צו רעדן, ביז די פינגער וועלן דיך אראפּפאלן פון אזויפיל מאל פּליקן...

מען דארף נישט זאגן פאר די קינדער: **"איך בין נישט דיין חבר"**, דאס איז א זאך וואס די קינדער שפּירן אליינס.

בשעת מען לערנט פאר מוז זיין זייער שטיל, און זייער דרך ארץ'דיג, נאר אזוי וועט עטץ האבן הצלחה.

### נישט ארבעטן סיסטעמאטיש

מען קען אבער נישט מאכן עס זאל ארבעטן סיסטעמאטיש, ווען א קינד קומט שפּעט מוז מען טראכטן מיט הארץ, נישט יעדע שטוב איז געבויט ווי אנדערע שטיבער, עס איז דא שטיבער וואס זיי לויפן אלץ שפּעט, זיי שיקן יעדן טאג די קינדער מיט די צווייטע באס, וואס זאל מען טון מיט די קינדער? מען זאל זיי הרג'ענען?!

אויב א קינד האט פארגעסן צו ברענגען איר בריפקעס (טעשל), איז וואס?! האט זי פארגעסן! אדער א קינד כאפּט נישט אויף א לימוד, זי קען נישט רעכענען, זי קען נישט קיין טייטש, אדער זי כאפּט נישט אויף ווי אזוי צו נייען, איז גארנישט! פארשטייט זיך אז א קינד קען נישט זאגן: **"איך נעם נישט די נאדל אין די האנט"**, מען דארף איר אויסלערנען: **"דא אין כּתּה מוז יעדער טון וואס די טיטשער זאגט"**, אבער אז עס קומט אויס שיף, דארף מען איר אויפבויען און מאכן פון דעם א שיינע זאך.

### נישט אויסשפּילן די סיסטעם

איך וויל בעטן פון די לערערינס, אסאך מאל שרייבן מיר לערערינס שאלות בנוגע די סיסטעם פון שולע, זיי ווילן וויסן צי זיי מעגן מאכן אנדערש ווי מען האט אוועקגעשטעלט, דאס איז נישט א ריכטיגע זאך, ווייל ווען מען האט א פּריוואטע זאך וואס מען דארף הילף, צום ביישפּיל אויף שלום בית וכדומה, דארף מען פרעגן א מורה דרך וואס צו טון, אבער אז די אפּיס האט אויפגענומען לערערינס, קען מען נישט קומען פרעגן דעם ראש ישיבה וואס צו טון, עס איז דאך דא א מנהלת וואס מען דארף איר אלעס פרעגן און מיט איר זיך אויסשמועסן.

פארוואס זאג איך דאס? ווייל א לערערין האט מיר געשריבן: **"היתּכן די אפּיס פארלאנגט אז יעדע זאך וואס מען וויל בארגן דארף מען איבערלאזן א משכּון אין אפּיס"**, איך האב געטראכט צו מיר מן הסתם איז דאס אן איינגענע באשלוס פון די יונגע סעקרעטערים', איך בין נישט געווען גערעכט, איך וואלט פארדעם געדארפט מברר זיין ווען מענס באשלוס דאס איז געווען, האב איך דאס געזאגט ביי די חינוך שיעורים אז מען קען דאס נישט טון, שרייבט מיר נאכדעם די סעקרעטערי אין א בריוו: **"איך פארשטיי נישט וואס צו טון, די מנהלת האט מיר געזאגט איך זאל נישט געבן קיין שום זאך פון אפּיס נאר אויב מען לייגט אריין א משכּון, און דער ראש ישיבה זאגט אז נישט?"** האב איך געזען אז דאס קומט פון די מנהלת, אויב אזוי, צו איך צוריק פון וואס איך האב געזאגט, איך האב גארנישט געזאגט, אז די מנהלת האט אזוי געזאגט - וועט אזוי זיין!

עס איז נישט געווען גערעכט צו קומען זיך אפּרעדן צו מיר, ווען עס איז דא א מנהלת וואס זאגט וואס צו טון, דאס הייסט אויסגעשפּילט דעם סיסטעם, דאס איז נישט ריכטיג.

אויב מען וויל מיר פרעגן שאלות, קען מען פרעגן שאלות פון די זון מיט די לבנה און שטערנס... אבער אויב עס זאכן וואס האט צוטון מיט די חדר און שולע, איז די ריכטיגע וועג עס דורך צו שמועסן מיט'ן מנהל און מנהלת.

### דער ראש ישיבה שליט״א האט פּארגעלייגט שאלות וואס לערערינס האבן אריין געשיקט צו פרעגן.

### ווי אזוי קען איך מאכן אז די קינדער זאלן מיך אויסהערן

**שאלה:** א לערערין פרעגט, ווי אזוי קען איך אויפבויען 'רעספּעקט', די קינדער זאלן מיך רעספּעקטירן, און ווילן צוהערן וואס איך זאג?

**דער ראש ישיבה שליט״א האט געענטפערט:**
דאס ווענדט זיך אין דעם מענטש אליינס. אויב דער מלמד און לערערין רעספּעקטירן זיך אליינס, זיי ווייסן ביי זיך 'איך האב וואס צוצולייגן אין די קינדער', שפּירן עס די קינדער גלייך, אפילו מיט צוגעמאכטע אויגן.

א לערערין דארף וויסן ביי זיך מיט א זיכערקייט: איך קום יעצט אויסלערנען טייטש פון דאווענען, איך קום יעצט באקן, איך קום יעצט קאכן, און אז א מיידל הייבט אן לאכן, איז גארנישט, איך וועל איר זאגן אז מען דארף זיך אויפפירן מיט דרך ארץ, אבער איך גיי נישט יעצט אריינגיין אין א קריגערייַ מיט איר, ווייל איך ווייס אז דאס זענען קינדער.

קינדער זענען נישט אינטערעסירט צו לערנען, קינדער זענען נישט אינטערעסירט צו מאכן עקסערסייז, קינדער זענען נישט אינטערעסירט צו נייען, קינדער ווילן פּאן (הנאה האבן), קינדער ווילן נעמען א לייטער

און אַרויפקריכן אויפן דאך פון די באס און טאנצן אויפן דאך...

אַ שכן אַ גוי, האט מיר געזאגט אַז אונזערע קינדער טאנצן אויפן דאך פון די שולע בנין, איך האב מיך זייער דערשראקן, דער אייבערשטער זאל מיך אפהיטן אויב ער וועט רופן די פאליציי, ווען קינדער טאנצן אויף אַ דאך פון אַ בנין קענען זיי פארמאכן די שולע, - אָבער דאס ווילן קינדער, זיי ווילן טאנצן און שפרינגען, קיינער קומט נישט אין שולע זיך צו קריגן מיט די לערערין, און קיינער קומט נישט אין שולע צו לערנען טייטש פון ברכת השחר, קינדער קומען אין שולע ווייל די מאמע האט זיי געהייסן אַרויפגיין אויפן באס.

אָבער אַז מען מאכט די לימודים געשמאק, וועלן די קינדער עס ווילן אויסהערן.

## וואס טוט מען אַז אַ האלבע קלאס וויל נישט מיט האלטן מיין זאך

**שאלה:** די לערערין וואס טוט עקסערסייז פרעגט, וואס קען מען טון אַז נאר צען קינדער פון די גאנצע כתה האלטן מיט די עקסערסייז?

**דער ראש ישיבה שליט"א האט געענטפערט:** וואס הייסט אַז נאר צען קינדער האלטן מיט די עקסערסייז?! אָדער איז יעדער אַ חלק פון דעם, אָדער פארמאכט מען די קלאס!

איך זאג נישט אַז יעדע מיידל דארף קענען אנקומען ביזן סוף מיט די עקסערסייז, אָבער יעדער מוז מיטהאלטן, אויב פופצן קינדער זיצן אין די זייט און קלאצן, גייט אַהיים! עס איז נישטא אַזא זאך אין שולע אַז קינדער באשליסן נישט מיטצוהאלטן אַ לימוד, אַז אַ קינד זאגט: **"איך וויל נישט מיטהאלטן די עקסערסייז"**, אָדער: **"איך וויל נישט נייען"**, קען מען נישט אַריינגיין אין אַ פערזענליכע קריגעריי מיט דעם קינד, אָבער מען זאגט זיי: **"מען מוז נישט דא קומען, דא אין כתה קען נאר קומען ווער עס האלט מיט"!**

אַ לערערין פון פון די וויליאמסבורג'ע שולע שרייבט מיר אַז צוויי יונגע קינדער זענען געקומען צו איר זאגן אַז זיי ווילן נישט קומען אין שולע, האב איך צוריק געשריבן פאר די לערערין זי זאל זיי זאגן: **"דאס האט גארנישט צוטון מיט מיר, אויב עטץ ווילטס נישט קומען אין שולע זאגטס עס פאר ענקער מאמע"**.

אויב די מאמע וועט זיי אַרויס נעמען פון שולע איז גארנישט, זאלן זיי זיצן אינדערהיים און העלפן די מאמע, אָבער אויב מען קומט אין שולע - דארף מען מיטהאלטן אַלעס וואס מען טוט, אַז מען האט נישט אַ שטארקע קאפ און מען כאפט נישט אויף שנעל די לימודים און מען באקומט נישט קיין הויכע צייכן אויף די בחינה איז גארנישט, מען קוקט קיינעם נישט אָן ווי אַ שוואכע און צוריק געבליבענע מיידל, אָבער מיטהאלטן - מוז מען!

יעצט אַז עס איז שוין אַזוי אויסגעשטעלט אַז נאר צען קינדער האלטן מיט די פראגראם פון עקסערסייז, און פופצן קינדער שטייען אין זייט, קען מען נישט מארגן אַריינקומען אין כתה און זיך אָנהייבן קריגן מיט אַלע פופצן קינדער, מען קען זיך קיינמאל נישט קריגן מיט אַ רבים, נישטא אַזא זאך.

אַזוי אויך ווען מען וויל שיקן אַ קינד צו די אָפיס, שיקט מען נישט אַרויס צען קינדער אויף איינמאל, ווייל דעמאלט וועלן זיי אַרויסגיין אין פעלד, און עס וועט זיי זייער גוט זיין...

מען דארף גיין צוביסלעך, מען הייבט אָן מיט איינעם אויף אַמאל, מען זאגט פאר'ן קינד: **"דו מוזט מיטהאלטן, דו קענסט מיטהאלטן, און דו גייסט מיטהאלטן"**, אַזוי גייט מען צוביסלעך אַ קינד נאך אַ קינד, ביז אַלע קינדער וועלן מיט האלטן וואס מען טוט אין כתה.

## וואס זאל איך טון אַז די מיידלעך קענען נאכנישט נייען?

**שאלה:** די לערערין פון זיבעטע קלאס וואס לערנט אויס נייען פרעגט, וואס טוט מען אַז מיינע תלמידות קענען נאכנישט נייען קיין קנעפלעך?

**דער ראש ישיבה שליט"א האט געענטפערט:** איך ווייס נישט וואס צו טראכטן, מיידלעך פון זיבעטע קלאס זאלן נישט קענען צונייען אַ קנעפל?! אַ זיבן יעריגע מיידל דארף שוין קענען צונייען אַ קנעפל! איך וועל בעטן די מנהלת זאל מאכן אַ פראגראם. מען זאל אויסטיילן פאר אַלע מיידלעך אַ שיינע סחורה מיט אַ שיינע בילד און מען וועט אויסלערנען אַרויפצונייען אויף דעם קנעפלעך.

מיין ווייב פרעגט מיר די וואך: דו האסט באמערקט? יעדער גאסט וואס קומט דא עסן, איז זיין בעקיטשע צעריסן אונטער די אָרעם... איך האב איר געזאגט: קום אין ווייבער שול וועסטו זען אַז עס איז נישט נאר די פאר געסט, נאך אַסאך אינגעלייט גייען אַרום מיט צעריסענע בעקיטשעס.

דאס איז דאך אַ מורא'דיגע בושה! ווען די סחורה פון אינעווייניג וואלט נישט געווען ווייס וואלט מען עס אפשר נישט באמערקט, אָבער יעצט זעט מען אַרויס די ווייסע סחורה פון אינעווייניג און יעדער זעט אַז עס איז צעריסן! מען קען באשולדיגן די בעקיטשע געשעפט פאר'ן מאכן שוואכע סחורה, אָבער פארוואס קענען נישט די פרויען פון די קהלה צונייען אַ בעקיטשע ווען עס ווערט צעריסן?!

מען דארף שטיין דערויף אַ יעדע קינד מוז זיצן מיט אַ נאדל און נייען, די לערערינס זאלן זאגן פאר די קינדער: **"דא אין כתה טוט מען וואס מען הייסט, דא טוט מען נישט וואס מען וויל"**.

קינדער דארפן זיך אויסלערנען דעם כלל: **"מען טוט נישט אין לעבן וואס מען וויל, מען טוט וואס איז ריכטיג צו טון"**, איך וויל אויך נישט טון אַסאך זאכן, עס איז מיר זייער שווער זיך אָראפצובייגן, איך האב נישט קיין כח צו שניידן די נעגל פון מיין פיס, אָבער איך מוז עס טון, אַז נישט וועל איך נישט קענען וואקן, די נעגל וועט אַריינוואקסן אין מיך שיך.

דאס איז אַ לימוד וואס יעדע לערערין דארף אויסלערנען פאר קינדער, ווען אַ קינד זאגט: **"איך וויל נישט"**, זאגט מען איר: **"מען טוט נישט דא וואס מען וויל, מען טוט וואס איז ריכטיג, און אַז די טיטשער האט דאס געהייסן טון - איז דאס ריכטיג!"**

## יעדער מלמד און לערערין געבט עפעס צו

אַסאך מאל זעט אויס ווי מען מאלט וואסער, מען רעדט און מען רעדט און מען טוט גארנישט אויף, אָבער צוביסלעך קומען אַרויס טייערע קינדער, טייערע משפחות. צווישן די איינגעשטעלטע אין די מוסד האבן מיר מלמדים און לערערינס וואס האבן דא געלערנט אַלס קינד, ווען זיי זענען געווען קינדער האט מען זיך געמוטשעט מיט זיי, געבט אַ קוק וואס איז געווארן פון זיי.

יעדער מלמד און לערערין געבט עפעס צו פאר'ן קינד, און יעדן טאג פון חדר און שולע געבט עפעס צו פאר'ן קינד.

אין דעם זכות וואס עטץ טוטס פאר דער הייליגער רבי און פאר אידישע קינדער, זאל דער אייבערשטער ענק העלפן, עטץ זאלטס האבן הצלחה, סייעתא דשמיא, אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ גוט געבענטשט זיס ליכטיג יאר, אמן.

חינוך אפטיילונג
אויף קול ברסלב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

## וואס טוט מען מיט אַ קינד וואס פאַרשטייט נישט דאס לערנען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך בין אַ מְלַמֵּד, און איך האב אַ קינד אין מיין קלאס וואס פּרוּבּירט זייער שטאַרק צו לערנען און מיטהאַלטן, אָבער עס גייט אים נעבעך נישט; וואס קען איך טון מיט אַזא קינד? וויפיל איך פּרוּבּיר אים מסביר צו זיין, ווייסט ער בכלל נישט וואס איך וויל פון אים, איך זאג אים איבער נאכאמאל און נאכאמאל, און ביז ער כאפּט שוין ענדליך אַ זאך, האט ער שוין פאַרגעסן די פריערדיגע זאכן.

נאך אַ זאך, איך מאך בחינות אין קלאס, און די קינדער האבן שטאַרק הנאה דערפון, און אַ קינד וואס פאַרשטייט שווער לערן איך מיט אים די שאלה און די תשובה, און ער שרייבט עס אראָפּ. איך בין מקפיד אַז ווען איך צייכן די בחינות זאל קיינער נישט קוקן און נישט קומען צו מיין טיש, נאר דער קינד וועמענ'ס בחינה עס איז מעג מיטהאַלטן, און פאַרגאַנגענע וואך האב איך צוגעשריבן אַ קאָמפּלימענט אויף די בחינה פון אַזא קינד, "בּיסט ווערד מיליאָנען!!!", און אַזוי ווי דאס קינד מוטשעט זיך היבש, האט ער ממש געוויינט פון פריידן און התרגשות, אַז דער רבי האט געשריבן אויף אים אַזא שיינע קאָמפּלימענט, ער קען זיך נישט באַרואיגן פון דעם.

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, מ"ג לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

איך האב ערהאַלטן דיין בּריוו.

וואויל איז דיר אַז דו גיבּסט אַכטונג אויף די געפילן פון די קינדער, דו געבּסט זיי גוטע ווערטער, דו בּויסט אויף זייער נֶפֶשׁ; דאס איז בּיים אייבערשטן אַזוי טייער און אַזוי דערהויבן.

האב סבלנות צו די קינדער, און אַז אַ קינד פאַרשטייט נישט - זאָלסטו אים נישט פאַרשעמען, און אַז ער וויל פאַרשטיין - זאָלסטו לערנען מיט אים, און אַז ער פרעגט נאָכאַמאָל - זאָלסטו אים נאָכאַמאָל זאָגן; דאס איז אויב דער קינד בעט דיר זאָלסט מיט אים לערנען, און אויב דער קינד בעט נישט - זאָלסטו אים נישט מוטשען צו פאַרשטיין, נאר לאָז אים זיצן אין כִּתָּה. אַזוי ווי די הלכה איז (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף ט): "אֲפִלּוּ תִּינוֹק שֶׁאֵינוֹ מֵבִין לִקְרוֹת", אַ קינד וואס פאַרשטייט נישט, "לֹא יְסַלְּקוּהוּ מִשָּׁם", זאל מען נישט אַוועקשיקן, "אֶלָּא יֵשֵׁב עִם הָאֲחֵרִים", מען זאל אים לאָזן זיצן מיט די קינדער, "אוּלַי יָבִין", וועט ער פאַרשטיין.

גיב אַלע קינדער גוטע ווערטער, זאג יעדן איינעם שטיל'ערהייט: "דו בּיסט מיין בעסטער תַּלְמִיד", און אויב די קינדער וועלן דיר פרעגן: "דער רבי זאָגט עס פאַר נאך קינדער..." זאָלסטו זיי זאָגן: "אֱמֶת, איך האב נאר בעסטע תַּלְמִידִים", און פאַר די קינדער וואס האָבן נישט קיין שטאַרקע הֲבָנָה, זיי זאָלסטו נאך מער מְקָרֵב זיין און זיי אויפבּויען, דאס וועט זיי געבן כֹּחַ פאַר זייער גאַנצע לעבן, זיך צו קענען שלאָגן מיט די שווערע בּיטערע נִסְיוֹנוֹת.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאָלסט האָבן הַצְלָחָה אין אַלע ענינים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בהעלותך שנת תשפ"ד)

## וואס טוט מען אַז די קינדער קוקן ווידיאָס בּיי די שכנים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צום אַלעם ערשט אַ גרויסן יִישַׁר כֹּחַ פאַר די שיעורים, גִלְיוֹנוֹת, און קונטרסים.

אין מיין הויז קוקט מען בָּרוּךְ ה' נישט קיין שום ווידיאָס און דאס גלייכן, אָבער איך בין לעצטנס געוואויר געווארן אַז מיינע קינדער קוקן ווידיאָס בּיי מיינע שכנים, און זיי האבן מיר גאַרנישט דערציילט דערוועגן בּיז יעצט.

מיין שאלה איז אויב איך זאל זיי אַנהויבן ווייזן אַליין אינדערהיים כשר'ע זאכן, וואס אַזוי קען איך קאָנטראָלירן וואס זיי זעען יא אָדער נישט, ווייל בּיי די שכנים קען איך נישט וויסן וואס זיי זעען דאָרט, אָדער זאל זיך נישט ווייסנדיג מאַכן פון די גאַנצע זאך?

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

איך האב ערהאַלטן דיין בּריוו.

זיי מְחַנֵּךְ דיינע קינדער נישט צו קוקן קיין שום ווידיאָס און קיין שום קְלִיפָּה, אֲפִילוּ וואס מען רופט כשר'ע, און אַז די קינדער דערציילן אַז זיי קוקן די ווידיאָס בּיי שכנים - זאָלסטו זיי זאָגן נישט צו גיין צו די שכנים; זאָלסט אַכטונג געבן זיי זאָלן נאר גיין צו שכנים וואס די שטוב פּירט זיך ערליך.

עס איז אַזוי געפערליך די סַכָּנָה פון קוקן ווידיאָס, מען דאַרף זייער היטן די קינדער פון דעם, מען דאַרף רעדן צו די קינדער זיי זאָלן זיך דערווייטערן פון דעם און נישט צורירן צו דעם.

בעט דעם אייבערשטן פאַר יעדן קינד עקסטער זיי זאָלן אויסוואַקסן ערליכע אידן. מוֹהֲרַנְ"ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דערציילט, עס איז געווען בּיי איינעם פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ער האט געהאַט זייער ערליכע קינדער, אַלע זענען געווען ערליכע אידן און בַּעֲלֵי מִידוֹת טוֹבוֹת וכו'; ווען מען האט אים געפרעגט: "ווי אַזוי האט איר זוכה געווען צו דעם?" האט ער געזאָגט: "וואס מיינט איר, איך האב זיי אַראָפּגעריסן פון בּוים? איך האב יעדע נאַכט געוויינט צום אייבערשטן, איך האב אָנגעפּילט מיין קאָפּל מיט מיינע טרערן און איך האב זיך אָפּגעוואַשן מיין פָּנִים מיט די טרערן".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאָלסט האָבן הַצְלָחָה אין אַלע ענינים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת אמור שנת תשפ"ד)

צו באַקומען וועכנטליך דעם גליון, בּיטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876